NYC Department of Health and Mental Hygiene | Department of Education

Cheryl Lawrence, MD, **FAAP**
*Medical Director*

**Office of School Health**
**42-09 28th St.**
**Queens, NY 11101-4132**

יולי 2020

טייערע עלטערן\גארדיען,

די ניו יארק סיטי האט אפדעיט'עד די שולע אימיוניזאציעס פאדערונגען פאר די 2020-2021 שולע יאר. א ליסטע פון די פאדערונגען פאר 2020-2021 איז בייגעלייגט צו דעם בריוו. איידער די שולע יאר הייבט זיך אן, מוזט איר אריינגעבן באווייז פון אימיוניזאציע פאר אייער קינד אויב ער אדער זי גייט אין טשיילד קעיר אדער שולע.

**אלע סטודענטן אין טשיילד קעיר ביז 12'טע קלאס** מוזן נאכקומען די פאדערונגען פאר:

- די DTaP (דיפטעריע-טעטענוס-פערטאסיס), פאליאווייררוס, MMR (מיזעלס-מאמפס-רובעלא), וואריסעלא און העפאטייטיס B וואקסינען.

**קינדער אונטער 5 יאר וואס זענען איינגעשריבן אין טשיילד קעיר און פרי-קינדערגארטן (פרי-K)** מוזן אויך נאכקומען די פאדערונגען פאר:

- די Hib (*הימזא* טייפ B) און PCV (נומאקאקעל קאנדזשוגעיט) וואקסינען.
- די אינפלוענזא (פלו) וואקסין: קינדער מוזן באקומען די פלו וואקסין ביז דעצעמבער 30, 2020 (ענדערש, ווען עס ווערט אווילעבל פרי אין הערבסט).

**קינדער פון קלאסן 6 ביז 12** מוזן אויך אויספאלגן די פאדערונגען פאר:

- די Tdap בוסטער און MenACWY (מענינדזשאקאקעל קאנדזשוגעיט) וואקסינען.

ביטע קוקט איבער אייער קינד'ס אימיוניזאציע היסטאריע מיט אייער קינד'ס העלט קעיר פראוויידער. דער פראוויידער קען אייך זאגן אויב מען דארף האבן נאך דאזעס פון איין אדער מער וואקסינען כדי אייער קינד זאל קענען גיין אין טשיילד קעיר אדער שולע דעם יאר.

אויב האט איר פראגעס וועגן די 2020-2021 פאדערונגען, ביטע פארבינדט זיך מיט אייער טשיילד קעיר צענטער אדער שולע'ס הנהלה אפיס.

מיט אכט,

Cheryl Lawrence

Cheryl Lawrence, MD, FAAP
מעדיקל דירעקטאר
אפיס פון שולע געזונטהייט
(Office of School Health)

# איז אייער קינד גרייט פאר טשיילד קעיר אדער שולע?

## ווערט געוואר וואס זענען די פארלאנגטע וואקסינאציעס אין ניו יארק סיטי.

אלע סטודענטן פון 2 מאנאטן ביז 18 יאר אין ניו יארק סיטי מוזן באקומען די פאלגנדע וואקסינאציעס כדי צו קענען גיין אין טשיילד קעיר אדער שולע. קוקט איבער אייער קינד'ס וואקסין געבריכן באזירט אויף זייער קלאס שטאפל דעם שולע יאר.

| וואקסינאציעס | פרי-קינדערגארטן (טשיילד קעיר, העד סטארט, נורסערי, 3K אדער פרי-K) | קינדערגארטן – קלאס 5 | קלאס 6-11 | קלאס 12 |
|---|---|---|---|---|
| דיפטעריע, טעטענוס און פערטוסיס (DTaP) | **4 דאזעס** | **5 דאזעס**<br>**אדער 4 דאזעס נאר אויב מען האט באקומען די פערטע דאזע אין עלטער פון 4 יאר אדער עלטער אדער 3 דאזעס נאר אויב דאס קינד איז 7 יאר אדער עלטער און מען האט אנגעהויבן די סעריע אין עלטער פון 1 יאר אדער עלטער** | **3 דאזעס** | |
| טעטענוס, דיפטעריע און פערטוסיס בוסטער (Tdap) | | | **1 דאזע (און אדער נאך דעם עלטער פון 11 יאר)** | |
| פאליא (IPV/OPV) | **3 דאזעס** | **4 דאזעס**<br>אדער 3 דאזעס אויב מען האט באקומען די דריטע דאזע אין עלטער פון 4 יאר אדער עלטער | | |
| מיזעלס, מאמפס און רובעלא (MMR) | **1 דאזע** | **2 דאזעס** | | |
| העפאטייטיס B | **3 דאזעס** | **3 דאזעס** | **3 דאזעס**<br>אדער 2 דאזעס פון ערוואקסענע העפיטייטיס B וואקסין (Recombivax HB) אויב מען האט באקומען די דאזעס אמוויינינגסטנס 4 מאנאטן אפגעטיילט צווישן 11 און 15 יאר | |
| וואריסעלא (טשיקנפאקס) | **1 דאזע** | **2 דאזעס** | | |
| מענינדזשאקאקעל קאנדזשוגעיט (MenACWY) | | | **קלאס 6:** נישט שייך<br><br>**קלאסן 7 - 11: 1 דאזע** | **2 דאזעס**<br>**אדער 1 דאזע** נאר אויב מען האט באקומען די ערשטע דאזע אין עלטער פון 16 יאר אדער עלטער |
| הימאפילוס אינפלוענזא טייפ B קאנדזשוגעיט (Hib) | **1 ביז 4 דאזעס**<br>געוואנדן אויפן קינד'ס עלטער און דאזעס וואס מען האט פריער באקומען | | | |
| נומאקאקעל קאנדזשוגעיט (PCV) | **1 ביז 4 דאזעס**<br>געוואנדן אויפן קינד'ס עלטער און דאזעס וואס מען האט פריער באקומען | | | |
| אינפלוענזא | **1 דאזע** | | | |

דער צאל וואקסין דאזעס וואס אייער קינד דארף קען זיין פארשידנארטיג געוואנדן אויפן עלטער און וואקסין דאזעס וואס מען האט פריער באקומען. אייער קינד קען דארפן נאך וואקסינען אדער וואקסין דאזעס אויב זיי האבן געוויסע געזונטהייט צושטאנדן. רעדט צו אייער העלט קעיר פראוויידער אויב איר האט פראגעס. פאר נאך אינפארמאציע, רופט **311** אדער באזוכט **nyc.gov/health** און זוכט **student vaccines** (סטודענט וואקסינען).

Department of Health & Mental Hygiene | Department of Education

Yiddish